# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ה׳ | פרשת נשא | שנת תשע"א

## פרשת נשא

**ואיש את קדשיו לו יהיו איש אשר יתן לכהן לו יהיה:** די מפרשים מוטשעגען זיך ארום מסביר צו זיין פשט אין דעם פסוק.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** לויט וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ל"ה) אז אין די פריערדיגע דורות האט מען זיך געזוכט מחייב צו זיין במצוות פלעגט מען גיין און אריינברענגען די פירות אין שטוב דורך די געהעריגע טירן אז עס זאל זיין מחויב במעשר, אין די שפעטערדיגע דורות זוכט מען זיך צו פטר'ן פון מעשר ממילא זוכט מען אריינצוברענגען די פירות דורך אלע זייטיגע וועגן כדי זיך צו קענען פטר'ן פון מעשר.

איז דער **חת"ס** מסביר אז די כוונה פון די גמרא איז אוודאי נישט אז די שפעטערדיגע דורות נעמען נישט בכלל אראפ קיין מעשר, ווייל מ'רעדט דאך נישט פון בעלי עבירה וואס זוכן זיך צו פטר'ן פון מצות, בפרט אזא מצוה פון מעשר וואס ברענגט עשירות פאר דעם וואס נעמט אראפ מעשר ווי חז"ל דרש'ענען **עשר בשביל שתתעשר**, נאר דער פשט איז אז אין די פריערדיגע דורות זענען די מענטשן געווען אזוי ערליך און אויסגעלייטערט אז זיי האבן געטון די מצוה מיט א כונה לשמה שלא ע"מ לקבל פרס, משא"כ די דורות האחרונים מיינען עס שוין נישט אזוי לשמה, זיי נעמען נאר אראפ מעשר ווייל זיי ווילן רייך ווערן, און טאקע ווייל זיי וויסן אז עס איז נישט שיין אז מ'נוצט א מצ"ע דאורייתא פאר די אייגענע הנאה, וועגן דעם זוכן זיי אלע תירוצים אז זיי זאלן זיך קענען פטר'ן און באפרייען פון מעשר, און נאכדעם וואס עפ"י דין זענען זיי שוין פטור פון מעשר האבן זיי יא גענומען געהעריג מעשר און דאס געגעבן פארן לוי מיט די כוונה צו ווערן רייך, אזוי האבן זיי נישט געזעהן דערין קיין בזיון פאר די מצוה, ווען זיי האבן געטון די מצוה ע"מ לקבל פרס, ווייל עס איז שוין נישט קיין מצוה.

דאס זאגט דער פסוק **ואיש את קדשיו לו יהיו**, אז עס איז דא אן אופן אז א מענטש זאל מאכן אז די קדשים וואס ער גיט פארן כהן און פארן לוי זאלן זיין זיינס, און ער זאל זיין פטור פון דאס געבן פאר זיי, און דער וועג איז דורכדעם וואס מ'ברענגט אריין די פירות דורכן דאך וכדומה, אבער **איש אשר יתן לכהן**, אזא מענטש אויב וועט ער דאך גיין און געבן די קדשים פארן כהן און לוי, **לו יהיה**, ווי רש"י זאגן **ממון הרבה**, אז אפילו אויב ער וועט אזוי טון וועט אים דאס העלפן און ער וועט אויך רייך ווערן און פארדינען אסאך געלט.

### ואיש את קדשיו לו יהיו

אין ספה"ק **סידורו של שבת** זאגט ער אזוי:

יעדע זאך וואס א מענטש איז עוסק בעניני העולם הזה דארף ער טראכטן ביי זיך ווי כאילו ער איז א געדינגענער ביי א צווייטן מענטש, און וואס ער טוט איז נאר ווייל ער מוז, און וואס ער מוז נישט טון, טוט ער טאקע נישט. אבער ווען עס קומט צו תורה און שמירת המצות דעמאלטס דארף זיין פארקערט, ער זאל עוסק זיין ווי אין זיין אייגענע זאך, מיט א חיות און א פרישקייט, ער זאל שפירן ווי ער ארבעט פאר א אייגענע זאך מיט א חשק און אינטערעסע, אזוי ווי א מענטש וואס ארבעט פאר זיך מאכט ער דאס שיין און באפיצט, און גשמיות'דיגע שוועריגקייטן פון קעלט און היץ זאל אים נישט אפהאלטן פון צו טון דעם רצון ה׳.

דאס זאגט דער פסוק **ואיש את קדשיו**, ווען ער איז עוסק אין עסקי קודש, הייליגע זאכן, **לו יהיו**, דאס זאל ביי אים זיין ווי אן אייגענע זאך, משא"כ ביי וואכעדיגע זאכן דארף דאס זיין נאר וואס ער מוז טון בלית ברירה.

*

**יברכך ה׳ וישמרך:** דער מדרש זאגט **יברכך ה׳ בממון, וישמרך מן המזיקין.**

זאגט דער הייליגער **ישמח משה** לויט די גמרא אין מס׳ תענית (דף ח׳) אז די ברכה איז נישט מצוי אין קיין שום זאך וואס מ'וועגט און מ'ציילט. אין מס׳ חולין (דף ק"ה) זאגט די גמרא אז א זאך וואס מ'ציילט האבן די מזיקין נישט קיין רשות צו נעמען דערפון, זיי האבן נאר א שליטה אויף א זאך וואס איז באהאלטן פון אויג.

האט דער רבש"ע צוגעזאגט פאר די אידן צוויי גוטע הבטחות, **יברכך ה׳ בממון** אז דו וועסט האבן אסאך געלט, און דאס איז ווען עס איז **סמוי מן העין**, און מ'ציילט דאס נישט, איי דעמאלטס דארף מען אנהייבן חושש צו זיין וועגן מזיקין, אויף דעם קומט די ברכה פון **וישמרך מן המזיקין**, אז די מזיקין וועלן נישט האבן קיין שליטה אויף דעם געלט, אפילו עס איז סמוי מן העין.

*

**יאר ה׳ פניו אליך:** דער מדרש זאגט **יאר ה׳ פניו אליך, בתורה, ויחנך שנה ר׳ חייא הגדול יחנה ה׳ אצלך.**

אין ספר **פרח לבנון** איז מסביר דעם מדרש לויט די ווערטער פון די **מפרשים** אז דער טעם פארוואס דער אייבערשטער האט געמאכט רועהן זיין שכינה אויפן בארג סיני וואס דאס איז די קלענסטע בארג, ווייל די מלאכים טענה'ען אז די תורה קומט פאר זיי מכח דינא דבר מיצרא, וועגן דעם איז דער אייבערשטער אראפגעקומען צווישן אונז און ער האט דא געמאכט רועהן זיין שכינה, אזוי האבן מיר א דין פון בר מיצרא.

דאס זאגט דער מדרש **יאר ה׳ פניו אליך בתורה**, איי ווי אזוי קענען מיר נעמען די תורה די מלאכים זענען דאך בר מיצרא, אויף דעם זאגט דער פסוק **ויחנך , יחנה ה׳ אצלך**, אז דער אייבערשטער וועט רועהן ביי דיר וועסטו האבן א דין פון בר מיצרא.

# אוצר הידיעות

## ב' סיון יום המיוחס

היינטיגער שבת קודש ב' סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס". דער טעם פארוואס דער טאג ווערט אנגערופן מיט דעם נאמען איז ווייל אין דעם טאג האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו די פסוקים פון "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש והייתם לי סגולה מכל העמים", דעריבער ווערט דער טאג אנגערופן "יום המיוחס" ווייל בו ביום זענען מיר געווארן מיוחסים, אויסדערוועלט פון אלע פעלקער אלס עם סגולה פארן אייבערשטן (שער בת רבים).

(אגב, איינע פון די טעמים פארוואס א "לוי" האט א כינוי "סגל", ווערט געברענגט אין ספר נחלת יעקב אז ביי מתן תורה האט גאנץ כלל ישראל באקומען א נאמען "והייתם לי סגולה", און אידישע קינדער האבן דאס פארלוירן בשעת'ן חטא העגל, אבער שבט לוי וואס האט נישט געזינדיגט ביים עגל זענען געבליבן מיט דעם צונאמען "סגל").

דער טעמי המנהגים ברענגט א טעם ווייל די גמרא זאגט אין מס' תענית (דף י"ח ע"א) הואיל ומוטל בין ב' ימים טובים עשאוהו כיו"ט בפני עצמו. אזוי אויך דער טאג וואס געפונט זיך צווישן ראש חודש און די ג' ימי הגבלה, האט מען קובע געווען ווי אן עקסטערע יו"ט פאר זיך, דעריבער רופט מען דאס אן מיטן נאמען "יום המיוחס".

נאך א טעם ווערט געברענגט אין די ספה"ק אז יחוס ביי כלל ישראל איז געווען ווי א וויכטיגע תנאי צו קבלת התורה, אזוי ווי דער ילקוט זאגט אז ווען אידישע קינדער האבן גענומען די הייליגע תורה, האבן די גוים מקנא געווען און זיי האבן גע'טענה'ט פארוואס עפעס האבן די אידן זוכה געווען צו זיין נענטער ווי אלע אנדערע פעלקער, האט זיי דער אייבערשטער געפרעגט האט איר אפשר אויך געברענגט אייער יחוס בריוו אזוי ווי די אידישע קינדער האבן דאס געברענגט, אזוי ווי דער פסוק זאגט "ויתילדו על משפחותם לבית אבותם", מיט דעם זענען זיי שטיל געווארן, דעריבער ווערט דער טאג טאקע אנגערופן "יום המיוחס". (איזור אליהו פר' במדבר).

# אוצר רבותינו

## לכבוד שבת קודש

פעם אחת בערב שבת קודש ראה **הרב הקדוש רבי ר' מענדעלע רימאנאווער זי"ע** שאין לו דגים לכבוד שבת קודש, וכאשר ראה שהזמן מתאחר לקראת השבת, צוה לתלמידו **הרבי ר' הערש פון רימאנוב זי"ע** שיקח הקדירה שמבשלים בו הדגים לכבוד שבת, וימלא אותה עם מים ויניח בה בצלים וכל מיני תבלין שרגילים לשום בהדגים ויאמר לכבוד שבת קודש.

פתאום נכנס חסיד שבא ממרחקים לעשות את השבת אצל הרבי ר' מענדעלע, והוא הביא עמו דגים לכבוד הרבי. וכל בני העיר דברו מהמופת הגדול, שכאשר צוה הרבי להכין הדגים ויאמרו לכבוד שבת, בדיוק אז הביאו הדגים.

בסעודת שב"ק בבקר, אמר הרבי ר' מענדעלע "תדעו, כאשר קדושת השבת קודש מופיע בעולם הזה, אז מושפעים יחד עמה כל מיני השפעות טובות שישנם בעולם, ואם ברצון האדם להמשיך ההשפעה, אז יאמר בפיו "**לכבוד שבת קודש**" וזה העצה להיות נשפע מגודל השפעה הקדושה.

וזה מה שאמרו חכמינו ז"ל **זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו**, שהשפעה הגדולה מקדושת שבת קודש זה תלוי בדיבורו של האדם, בזה מה שאומרים **לכבוד שבת קודש**, ומהאי טעמא היה ברור אצלי שכאשר יכינו הקדירה להדגים ויאמרו "לכבוד שבת קודש" ימשך מזה השפעת הדגים לכבוד שב"ק.

ובזה פירש הרה"ק **רבי ר' הערש מרימאנוב זי"ע** מה שפי' רש"י הק' בפרשתן **אמור להם כמו זכור שמור**, כי היה קשה לרש"י מה שאמר הכתוב **אמור להם**, לכאורה למה לא די במה שאמר **כה תברכו את בני ישראל יברכך וגו'**, על זה מוסיף רש"י **אמור להם** שהכח של הברכות בברכת כהנים זה כמו אצל שב"ק כמו **זכור ושמור**, שאז בא ההשפעה ע"י שאומרים בפה 'לכבוד שבת קודש', וזה ממשיך ההשפעה כן הוא בברכת כהנים.

**תלמיד יקר!** הנך רואה שהתחלנו לערוך את הסיפור בלשון הקודש, תשתדל לקרוא את הסיפור ולהבינו כראוי, כדי להתרגל בקריאה

# יגעת ומצאת

דעם קומענדיגן שבת קודש איז "יום המיוחס" ב' סיון, ווען אידישע קינדער גרייטן זיך שוין מיט א גרויסע הכנה צום הייליגן יו"ט זמן מתן תורתינו, דעריבער וועלן מיר די וואך ווידמען די "יגעת ומצאת" איבער פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות וואס האבן שייכות צום הייליגן יו"ט שבועות און צו די געהויבענע זמנים אין וועלכן מיר שטייען יעצט.

עס איז דא א באשטימטער כלל וועלכע סדרות עס קענען גיין צוזאמען, און וועלכע סדרות מען צוטיילט, דער כלל איז אז עס מוז כמעט אלעמאל אויסקומען אז פר' במדבר זאל זיין די לעצטע וואך פאר שבועות (היי יאר איז נישט אזוי) תשעה באב זאל זיין פאר שב"ק פר' ואתחנן, נצבים פאר ראש השנה. וואס איז דער טעם פארוואס פר' במדבר מוז אלעמאל אויסקומען פאר שבועות? (עי' שו"ע או"ח סי' תכ"ח מג"א סק"ד) - דער טאג ב' סיון ווערט אנגערופן, פארוואס? (עי' ליקוטי מהרי"ח) - עס איז איינגעפירט צו לערנען אין די ימי הספירה מסכת שבועות, פארוואס? (עי' בליקוטי מהרי"ח) - מען זאגט נישט קיין תחנון, פון ראש חודש סיון ביז, פארוואס? (עי' שו"ע או"ח סי' קל"א מג"א סקי"ח) - וועלכע זאך ווערט דערמאנט אין חומש בראשית אז דאס איז געווען ראש חודש סיון? - אין חומש שמות?- אין חומש ויקרא איבער ראש חודש ניסן? - אין חומש במדבר איבער ראש חודש אייר? - אין חומש במדבר איבער ראש חודש אב? - אין חומש דברים איבער ראש חודש שבט?

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בחוקותי

א. רבי נפתלי צבי הורוויץ זצ"ל, בעמח"ס זרע קודש, בן הרה"ק רבי מנחם מענדל מלינסק ז"ל, תלמיד הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, והרבי ר' מענדעלע מרימאנוב זי"ע. נפטר י"א אייר תקפ"ז לפ"ק.

ב. רבי יחזקאל הלוי לאנדא זצ"ל אב"ד פראג, בעמח"ס שו"ת נודע ביהודה וס' צל"ח על הש"ס, נפטר י"ז אייר תקנ"ג לפ"ק.

ג. רבי ישעי' ב"ר משה שטיינער זצ"ל, תלמיד ומשב"ק הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, נפטר ג' אייר תרפ"ה.

ד. הרה"ק ר' שמואל שמעלקא הלוי הורוויץ מניקעלסבורג זי"ע, תלמיד המגיד ממעזריטש, ואחיו של הגה"ק ההפלא"ה זי"ע, נפטר ב' אייר תקל"ח לפ"ק

ה. רבינו משה איסרליש הרמ"א, בן ר' ישראל איסר, אב"ד קראקא, נפטר ל"ג בעומר, שנת של"ב.

ו. הרה"ק רבי מנחם מענדל טארים מרימאנוב, ב"ר יוסף, תלמיד הרבי ר' אלימלך מליזענסק, בעמח"ס דברי מנחם-מנחם ציון, נפטר י"ט אייר ל"ד בעומר תקע"ה לפ"ק.

ז. הרה"ק רבי משה חיים אפרים זי"ע מסאדיקלוב, ב"ר יחיאל אשכנזי, ואמו הצדיקת אדל ע"ה בת הבעש"ט, בעמח"ס דגל מחנה אפרים. נפטר י"ז אייר תק"ס לפ"ק.

ח. הרה"ק רבי הילל ליכטענשטיין מקאלאמיי, תלמיד מרן החתם סופר זי"ע, בעמח"ס משכיל אל דל, עת לעשות, נפטר י' אייר תרנ"א לפ"ק.

ט. הרה"ק רבי מרדכי טווערסקי מטשערנאבל, בן הרה"ק רבי מנחם נחום בעמח"ס מאור עינים, נפטר כ' אייר תקצ"ז לפ"ק.

י. הרה"ק רבי מאיר'ל ב"ר ארון לייב מפרעמישלאן, תלמיד החוזה מלובלין, נפטר כ"ט אייר תר"י לפ"ק.